# שם לשון מלבוש

## פרייוויליג

רעדאגירט: ונבנתה העיר



ציור: גדי פולק

איינע פון די טעמים פון די חרדים זיך אנצוקליידן אין 'לבושי חרדי' שטאמען פון דעם מדרש וואס רעכנט אויס דריי אדער פיר זאכן שבזכותם נגאלו אבותינו ממצרים. איינס פון זיי איז 'שלא שינו את לבושם'. מער באקאנט אלס "שם, לשון, מלבוש". אבער פאר די וואס ווייסן נישט, טרעפט מען נישט אזא מאמר אין גאנץ חז"ל. דורכאויס די צענדליגע מאל וואס עס ווערט דערמאנט אין מאמרי חז"ל איבער די ענינים, טרעפט מען נישט אזא סדר פון שם, לשון, מלבוש.

מען טרעפט אבער ענליכע מאמרים, למשל: "שלא שינו את שמם, לשונם, לא גילו סודות שבהם, ולא היו פרוצים בעריות". אדער טרעפט מען אן ענליכער מאמר ווי: "בשביל ד' דברים נגאלו ישראל ממצרים, שלא שינו את שמם ושלא שינו את לשונם ושלא גלו סודם ושלא הפקירו נשותיהן". וואס זיי מיינען: שם לשון סוד, אדער שם לשון עריות.

עס איז איבריג מאריך צו זיין אז אפגעזען אויב דאס האט א מקור אדער מסורה, זענען די דריי יסודות "שם לשון מלבוש" די סודות פון דעם עם היהודי. מיר האבן אנדערע נעמען, מיר רעדן אנדערש, און מיר קליידן זיך אנדערש.

פארשטייט זיך, אז עס איז אוממעגליך אויסצולופטערן אין אזא באגרעניצטע ארטיקל א נושא וואס כמה קולמסים נשתברו ע"ז. יעדע איינס פון די דריי גדרים האט א ריזיגע היסטאריע פון טראדיציעס און איבערגאנגען וואס ציט זיך שוין הונדערטער און טויזנטער יארן.

אין דעם איז פארבינדן הלכות, מחלוקות, מסורות, ומנהגים. ווען איז די נאמען 'ירוחם' געווארן א אידישער נאמען? ווען איז אידיש ארויסגעפאלן פון די לשון עם זר? און וואס טוט זיך מיט די מצוה און שכר המדבר בלשה"ק? פארוואס האבן די אידן נישט גערעדט קיין לשה"ק אין מצרים? וואס מיינט טאקע שלא שינו את לשונם? און ווען איז א בעקיטשע געווארן א לבוש?

'שם לשון מלבוש' האבן דורכגעמאכט גלגולים פון מנהגים און הלכות. פון א מיטאס איז עס געווארן אן אפיציעלע לעגענדע, און פון לעגענדעס זענען געווארן מנהגים, און דערנאך הלכות, און אזוי אויף פארקערט, כל אחד בגלגול דיליה.

וויאזוי קען מען וויסן וואס עס איז א מנהג און וואס איז א גדר? וואס איז א מנהג המקום, און ווען איז עס מנהג העיר? פארוואס גייען אנשי תימן מיט גלימות אין די זעלבע צייט וואס חסידים גייען מיט שלייקעס?

והנה, לויט וויאזוי חרדים ווערן מחונך, איז בזכות שם לשון מלבוש נגאלו אבותינו ממצרים. און לויט אונזער השקפה ודמיון [פון די גירסא דינקותא] קען זיך דוכטן אז אידן אין מצרים זענען געגאנגען מיט ריפסענע בעקיטשעס און ווייסע זאקן (כדי שלא יצחק הקורא, אין חדר זאגט מען אז דתן ואבירם זענען געגאנגען מיט שטריימל און בעקיטשע). מען האט זיך ארומגעדרייט מיט האלבע שיך און געפעפערטע הויזן. איינער האט געהייסן עקיבא, און א אנדערע האט געהייסן ירוחם אלקנה, די מיידלעך האבן געטראגן נעמען ווי שפרינצא אדער יענטא. און מען האט גערעדט א פליסיגן אידיש אין לאנד מצרים.

אבער די מציאות איז אנדערש, אידן זענען געווען משוקע במ"ט שערי טומאה. זיי האבן אפשר געהאט אנדערע נעמען (וואס מיינט 'אידישע נעמען', וועלן מיר באלד רעדן), זיי האבן לויט געוויסע דיעות גערעדט מצרי"ש, און זענען לויט אסאך הוכחות געגאנגען מיט גויאישע קליידער.

ווי שוין ערווענט אויבן בין איך אריין אין א סוגיא וואו די גרעניץ ענגט צווישן הימל און ערד. די סוגיא איז אזוי ברייט און טיף (טיילמאל שמאל און לענגליך) אזש מען קען דעבאטירן וועלכע גלגולים זענען געווען מער, גלגולי אדם אדער גלגולי שם לשון מלבוש. דערפאר וועלן מיר נאר אנכאפן דעם שפיץ פונעם אייזבארג.

אט קומט כאפן א שפאציר איבער די דריי יסודות פון "שם לשון מלבוש". און לאמיר זען וואו מיר וועלן אלס אנקומען.




## ~ שם ~

הגאון רבי משה פיינשטיין זצ"ל שרייבט אין אגרות משה (או"ח ח"ד) א חידוש גדול מאד. לויט אים איז נישטא קיין שום חיוב זיך צו רופן מיט א אידישע נאמען. די חיוב איז געווען נאר בדור ההוא און נישט פאר אלע דורות הבאים. ער שרייבט נאך מער, אז די גאנצע ענין פון שם ולשון האבן אידן נאר געטון לפי שעה ווייל עס איז נישט געווען קיין גרויסע חילוק פון אידן און די בני נח, בפרט ווען רוב אידן האבן געדינט ע"ז, און האבן נישט געהאט קיין גע'מל'עטע קינדער. ער לייגט צו אז דערפאר איז נישט דא קיין שום חיוב נאך מתן תורה מקפיד צו זיין דערויף. וזה מתק לשונו:

והנה יש מקום לומר דזה ששיבחו חז"ל (ויק"ר ל"ב) בגלות מצרים שלא שינו את שמותן הוא לקודם מתן תורה, שלא היה היכר גדול בשביל קיום המצות דבני נח, ובפרט שחלק גדול מישראל עבדו ג"כ ע"ז, ורובן לא מלו את בניהם עד סמוך להגאולה. כשהיו צריכין לאכול הפסח שמל אותן יהושע, ומשמע שהיה רוב גדול לבד שבט לוי שהם מלו את בניהם כדכתיב ובריתך ינצורו בברכת משה. ואף שפרש"י על אלו שנולדו במדבר היה זה גם במצרים כמפורש במדרשות, שלכן בשביל האמונה שיגאלו ורצו שיהיו ניכרין שהם ישראל הנהיגו להקפיד שלא ישנו את שמם ולא ישנו את לשונם ומטעם זה שייך זה להגאולה משום שבשביל אמונת הגאולה הקפידו על זה, אבל אחר מתן תורה אין לנו חיוב מדינא וגם לא מעניני זהירות ומוסר אלא מה שנצטוינו התרי"ג מצות לדורות והמצות שנצטוו לשעה וכפי שנאמרו בתורה שבעל פה. ולכן לא הקפידו ע"ז רבותינו דהא אף עניני זהירות ומוסר ומעלה נמי נאמרו מסיני עיין בריש פרקי אבות ברע"ב ולא היה זה בקבלה שכן איכא מעלה גם אלאחר מתן תורה אלא שבזכות זה נגאלו אבותינו שאפשר לפרש שהיה מעלה ודבר טוב רק אצלם כדלעיל ולא אחר מתן תורה. ואף שמסתבר כן מסתפינא לומר זה בלא ראיות גדולות". עכ"ל.

הגר"מ נעמט עס עד כדי כך אז ער פסק'נט להלכה אז ווען מען שרייבט נעמען אין א גט, זאל מען שרייבן המכונה בשם. ווייל די נעמען זענען נישט קיין געהעריגע אידישע נאמען.

אין גמרא גיטין איז דא אן אינטערסאנטע שקלא וטריא איבער עדים וואס קומען חתמ'נען א גט און האבן גויאישע נעמען: איתיביה גיטין הבאים ממדינת הים ועדים חתומים עליהם אע"פ ששמותיהן כשמות עובדי כוכבים כשרין, מפני שרוב ישראל שבחו"ל שמותיהן כשמות עובדי כוכבים.

עס איז משמע פון די נידון הגמרא אז אידן פלעגן טראגן גויאישע נעמען. גראדע זאגט רש"י אויפן פלאץ: ולא ידעינן אי עובדי כוכבים נינהו או ישראל. סא לויט רש"י מיינט עס גאר עפעס אנדערש.

## ~ לשון ~

בצאת ישראל ממצרים, בית יעקב מעם 'לועז', עס זעט אויס ווי דער פסוק טוט מדגיש זיין אז יעדע שפה וואס איז נישט לשה"ק, איז א לשון נכרי. לויט מדקדקים ליגט דאס אין "היתה ליהודה קדשו", און דאס איז דוקא "לשון הקודש". וועגן דעם ווערט אפילו אידיש אנגערופן ביי אסאך א לשון עם זר. און אזוי טאקע ווערט געברענגט אין רמ"א.

**לשון קען מיינען "לשון הרע"**

דער מאור ושמש אויף די פירוש הגדה פרעגט, אויב האט מען א גאנצע צייט גערעדט לשה"ק האט מען דאך זיכער גערעדט א לשון אחר צו די וואס האבן נישט פארשטאנען לשה"ק. ער שרייבט: "גם מהו גריעות שינוי הלשון"? און ער רעדט א לענגערע שמועס איבער די פגם הלשון, און זאגט אז די עיקר באדייט פון שינו לשון איז, אז מען היט דעם מויל פון לשה"ר וניבול פה: "ואז אף אם ידבר בשארי לשונות דבוריו הם בכלל לשון הקודש".

מען טרעפט אויך ענלכס אין ויק"ר (פרשת אמור) אז איינע פון די שלש סיבות איז לשה"ר: "שלא שינו את שמן ולא שינו את לשונם ועל ידי שלא אמרו לשון הרע ועל ידי שלא היה בהן פרוץ ערוה".

**פארוואס איז אידיש נישט קיין לע"ז?**

אין א צווייטע שמועס האב איך אמאל געשריבן איבער פארוואס מיר מעגן רעדן אידיש, און פארוואס דאס הייסט נישט קיין לע"ז. אידיש איז א שפראך געבויעט אויף די לאנד'ס שפראך. דארט וואו אידן האבן געוואוינט האט מען גענומען די ארטיגע שפראך און עס משבש געווען צו א.ג. "אידיש".

לאמיר אייך אריבערפירן צו א היסטארישע נאטיץ בוך, מיטן נאמען נוטריקון. אין די שפאלטנס פונעם ספר וועט איר זען - וואס אסאך ווייסן שוין - אז עס איז געווען "פיר ערליי" אידישן.

דאס ווייזט קלאר אן, אז דורכאויס די לעצטע הונדערטער יארן דארט וואו די אידן האבן געוואוינט און געוואנדערט, האבן זיי איבערגעטוישט די ארטיגע שפראך צו זייער אייגענע אידיש, כדי נישט צו רעדן די "לשון העכו"ם". און דאס איז וואס "אידיש" איז.

ער באציהט זיך צו א ספר מיטן נאמען "פרעמיר פייאט" און פרובירט מסביר צו זיין מיט וועלכע שפראך די ספר איז געשריבן געווארן אין די דעמאלטס'דיגע תקופה.

וזל"ש: בעמוד אחד פיוט באותיות עבריות, ובעמוד שמולו תרגומו לצרפתית. הפיוטים בספר נכתבו בשפה נשכחת שנקראת "יהודית-פרובנסלית". בשפה זו דיברו וכתבו יהודי הקהילות בפרובנס (דרום צרפת). בדומה ל"יידיש" שמבוססת על הגרמנית, ה"לאדינו" שמבוססת על הספרדית, וה"ערבית-יהודית" שהיתה מבוססת על הערבית, כך גם ה"יהודית-פרובנסלית" היא ניב יהודי המבוסס על הצרפתית ועל השפה האוקסיטנית המדוברת בדרום צרפת. ע"כ.

היוצא לנו מכל זה, אז מיר געפינען פיר ערליי אידיש: א) אונזער אידיש וואס איז געבויעט אויף גרמנית, ב) לאדינו, וואס איז געבויעט אויף ספרדית, ג) ערבית-יהודית וואס איז געבויעט אויף אראביש, און ד) יהודית פרובנסאלית, וואס איז געבויעט אויף צרפתית און אויף אוקסיטנית.

יעצט אז איך האב אייך דערמאנט אז אידיש איז צוטיילט געווארן פיר מאל דורך כלל ישראל, וואס אידן האבן דאס געטוהן מיטן צוועק נישט צו רעדן די "לשון העכו"ם", וועט איר פרעגן פון וואנעט ווייס איך אז מען האט עס געטוהן מיט דיזע תפקיד.

וועל איך אייך נעמען אויף א פרישע שפאציר, דאסמאל איבער די ברעגן פון משכיל אל דל פון הקנאי ר' הילל מקאלאמייא, דארט וועט איר טרעפן אז דאס וואס איך האב געזאגט איז זאת ועוד, נישט נאר מען האט איבערגעפלאנצט לשה"ק צו אידיש כדי עס כשר צו מאכן, נאר מען האט געטוישט גאנץ דויטש צו אידיש, אויף אן אנדערע דיאלעקט, און אן אנדערע אקצענט, מיטן ציל נישט צו רעדן בלשון העכו"ם:

עיין חתם סופר אבן העזר (ח"ב סימן י"א) וז"ל, גם המה היו בקיאים בלשון לע"ז ובכוונה שבשו הלשון מגזירות לשונם (ירושלמי שבת דף ו' וקראו לפעסטה פעסט) עכ"ל. אם כן היהודים הדרים בין אומות העולם ובניהם אחריהם אשר נולדו ונתגדלו שמה, על כרחך מדברים בלשונם, וכדי שלא יהיו עוברים על גזירה משמונה עשר דבר שאחת מהן הוא שגזרו על לשונם, (משום שידעו וראו והבינו שברוב הימים אם שפה אחת לכולם, יהיה מביא דבר זה לקירוב ודיבוק והתערבות עמהם ולבסוף מביא זה לדרכי עבודה זרה כדאיתא בתנא דבי אליהו (סוף פכ"ג), משום הכי עשו מה שביכולתם ובכוונה שבשו אותו הלשון, דהיינו שמשבשים הלשון לע"ז ואינם מדברים אותו כראוי (פאטער- פאאטער, אנקעל- פעטער, טאנטע -מומע, גראספאטער- דעדע, בראט- ברויט), וכן משבשים אותו עוד מצד אחר דהיינו שמערבים עמו כמה תיבות מלשונות אחרות, מלשון הקודש, מתרגום, (אפשר, חלילה, שעה, האלבע שעה, ברכה זאגן, תפילין לעגין, חס ושלום, בלי נדר, מזל טוב, חתימה טובה, שנה טובה) וכיוצא בו, מעתה יש (ריינדייטש שהוא גויש דייטש, ויידיש דייטש), ובזה יצאו משום גזירות לשונם, שהרי עתה מרוחקים המה זה מזה, שהרי הלוע"ז או הנכרי המדבר מנעוריו (ריינדייטשָ) אינו מבין (יידיש דייטשָ) כשמערב עמהם לשונות האלו (חרטה, בעוה"ר).

אידן האבן אריינגעצווינגען לשון הקודש, איבערגעמאכט די ארטיגע שפראך, כדי נישט צו רעדן די לשון העמים. אידיש איז בלויז אן איבערגעמאכטע געטוויקעטע שפראך, און איז דירעקט געצילט געווארן צו כשר'ן די ארטיגע שפראך.



## ~ מלבוש ~

ר' ראובן מרגליות שרייבט אז ער האט געטראפן איין מקור וואו עס שטייט "שלא שינו את לבושם", און דער מדרש געפינט זיך אין תנחומא ישן פרשת בלק. אויך איז דא א פסיקתא זוטרתא (לקח טוב שמות) וואו עס שטייט גאר אן ענליכע לשון: "והוצאתי אתכם, והצלתי אתכם, וגאלתי אתכם, ולקחתי אתכם, כנגד ד' זכיות שבידם, שלא שינו את לשונם, ולא חילפו את שמלותם, ולא גילו את סודם.

לויט דעם רמב"ם גייט אריין לבוש הגוי אין "ובחוקותיהם לא תלכו". אבער דער רמב"ם ערקלערט וואס דאס הייסט לבוש הגוי: אין הולכין בחוקות העובדי כוכבים ולא מדמין להן לא במלבוש ולא בשער וכיוצא בהן שנאמר ולא תלכו בחוקות הגוים ונאמר ובחוקותיהם לא תלכו ונאמר השמר לך פן תנקש אחריהם הכל בענין אחד הוא מזהיר שלא ידמה להן אלא יהיה הישראל מובדל מהן וידוע במלבושו ובשאר מעשיו כמו שהוא מובדל מהן במדעו ובדעותיו וכן הוא אומר ואבדיל אתכם מן העמים לא ילבש במלבוש המיוחד להן ולא יגדל ציצית ראשו כמו ציצית ראשם ולא יגלח מן הצדדין ויניח השער באמצע כמו שהן עושין וזה הנקרא בלורית ולא יגלח השער מכנגד פניו מאזן לאזן ויניח הפרע מלאחריו כדרך שעושין הן ולא יבנה מקומות כבנין היכלות של עכו"ם כדי שיכנסו בהן רבים כמו שהן עושין וכל העושה אחת מאלו וכיוצא בהן לוקה.

פון דעם רמב"ם איז משמע אז דאס גייט ארויף בעיקר אויף סטייל. אזוי איז אויך משמע פון די דוגמות וואס דער רמב"ם ברענגט אז זאכן וואס די גוים פלעגן טון פאר ע"ז טאר מען נישט נאכטון. און דאס זענען די סטיילס פון די האר.

## לבוש קען מיינען "ציצית"

דער ריטב"א שרייבט אין דער פירוש הגדה, אז לבוש מיינט נישט אז זיי האבן געהאט א בגד מיוחד, נאר מען האט דערקענט דורך א געוויסע מלבוש אז זיי זענען אנדערש, און דאס קען זיין אפילו ציצית, וז"ל: שהם ניכרים במלבושיהם ובעניניהם כגון ציצית בבגדיהם וכיוצא בו. אומנם אין כאן בגד מיוחד ,אך יש היכר ללבוש היהודי ע"י ציצית.

אבער דברי הריטב"א זענען צ"ע, ווייל אידן האבן נישט פארמאגט קיין ציצית פאר מתן תורה.

## פארוואס ווערט נישט דערמאנט אין די תורה דער ענין פון שם לשון מלבוש?

חז"ל דערציילן אונז אז ווען די אידן זענען געווען אין מצרים האבן זיי עובר געווען אויף אסאך עבירות. אבער עס איז געווען איין עבירה פון וואס אידן זענען געווען נקיים און דאס איז געווען ג"ע. ווען אידן זענען ארויס פון מצרים האבן די מצריים געלאכט פון זיי: עטץ האלטס זיך פאר דעם עם ה', עטץ מיינטס אז מיר האבן נישט געוועלטיגט אויף אייערע ווייבער?

אבער ג-ט האט מעיד געווען אז זיי זענען שבטי י-ה, "חנוך משפחת החנוכי, לפלוא משפחת הפלואי". מען קען טאקע זען אז די זהירות פון עריות איז איינע פון די פיר זאכן פארוואס אידן זענען אויסגעלייזט געווארן. "בזכות ד' דברים נגאלו ישראל ממצרים וכו', ולא נפרצו בעריות".

אויב טראכט מען אריין איז דאן געווען פאר מתן תורה, און עס איז נישט געווען אן איסור פון חתונה האבן מיט א מצרי. די אבסענסי פון עריות איז געווען זייער פערזענליכע הרגשה! און מען זעט אז דאס איז געווען איינע פון די סיבות הגאולה.

הקב"ה געזאגט פאר יחזקאל: ואעבור עליך ואראך מתבוססת בדמיך. בשעת אידן זענען אויסגעלייזט געווארן און זענען געווען נאקעט פון מצות, זענען זיי אויסגעלייזט געווארן בזכות מצות דם מילה און מצות דם פסח.

לויט אונזער השקפה ליגט די מהות פון א איד אין 'לא שינו את לשונם, ולא שינו את לבושם'. וואס דורך דעם זענען אידן גערעטעוועט געווארן פון עריות אין מצרים.

יעצט לאמיר פארשטיין אויב זענען די זאכן אזוי חשוב פאר ג-ט דאן פארוואס שטייט דאס נישט בפירוש אין די תורה? מיר געפינען גראדע ענליכע מושגים אין די תורה, צב"ש: לא תלבש, אדער לא ילבש, דאן פארוואס האט ג-ט ב"ה אונז נישט באפוילן אין די תורה נישט אנצוטון מלבושי גוים?

עס איז דא א באקאנטע מעשה פון א איד וואס האט געבעטן אז ווען ער שטארבט זאל מען אים באערדיגן מיט די קליידער פון א גלח. נאך צוויי יאר האט מען געעפענט זיין קבר און מען האט אים געטראפן גאנץ מיט זיינע קליידער.

קיינער האט נישט פארשטאנען וואס האט פאסירט.

שפעטער איז נתגלה געווארן די מעשה. איינמאל איז דער איד געווען אין א שטאט זאמלן געלט. איז געווען דארט א משוגע'נער און ער האט אים געזאגט: אויב גייסטו זיך אנטון קליידער פון א גלח און אזוי ארומגיין די שטאט וועל איך דיר געבן טויזנט רובל. דער איד האט מסכים געווען.

דער איד האט געטראפן קליידער פון א גלח און האט זיך אזוי ארומגעדרייט אין שטאט. פארשטייט זיך אז יעדער האט געלאכט פון אים, מען האט אים באשריגן און באווארפן מיט קללות נמרצות. אבער דער איד האט זיך נישט דערשראקן און איז ווייטער ארומגעגאנגען אין שטאט. און דער משוגענער האט אים געגעבן די טויזנט רובל.

פאר ער איז געשטארבן האט ער געבעטן אז מען זאל אים מקבר זיין מיט די בגדים, און די קליידער האבן אים אפגעהיטן פון רימה ותולעה.

די מעשה איז א פלא. און למעשה איז טאקע נישט דא קיין שום איסור אנצוטון בגדי גוי. אויב וואלט יענער משוגענער אים געבעטן אנצוטון בגדי אשה וואלט ער עס לכאורה נישט געטון אפילו פאר א מיליאן דאלער. ווייל עס איז מפורש בתורה. אבער לבושי הגוי איז נישט דא קיין שום איסור בתורה.

די זעלבע איז מיטן רעדן ענגליש – נישטא קיין איסור אין די תורה. און אויך איז נישטא קיין איסור זיך צו רופן מיט א גויאישע נאמען.

פארוואס טאקע שטייט דאס נישט אין די תורה?

**שם לשון מלבוש איז אן אייגענע השגה**

אפשר קען מען זיך ארויסלערנען פון דעם א יסוד גדול.

מען רעדט דא פון די מהות עם היהודי. די אירוסין פון כלל ישראל מיטן בורא. 'וארשתיך לי לעולם'. אירוסין האט א באזונדערע צורה ווי נישואין.

ווען מען רעדט פון נישואין, רעדט מען פון שליטה, "והוא ימשול בך". א מענטש אבער האט נישט קיין שום שליטה ווען עס איז די מצב אירוסין. ביי די שלב האט נאך די פרוי א ברירה אויב זי וויל מיט דעם מענטש חתונה האבן. ביידע דארפן מסכים זיין חתונה צו האבן. מען קען נישט מארס זיין א פרוי אן איר הסכמה.

דער ערשטער קשר צווישן ג-ט און עם ישראל איז געווען אירוסין בין השי"ת לעם ישראל. קודם האבן זיי געדארפט האבן עפעס א זכות ישראל מצד עצמם.

דערפאר האט מען זיי נישט געקענט מצוה זיין מיט די מצוות ווי – נישט צו רעדן ווי די גוים. אדער – נישט זיך צו קליידן ווי די גוים, אדער - להישמר מג"ע. דאס האבן די אידן אליין געדארפט משיג זיין.

דערפאר זעט מען אויך אז עס איז נישט מפורש בתורה אז א איד טאר נישט וואוינען מיט א גוי'טע. הגם ס'דא וואס ווילן זאגן אז מען קען עס ארויסלערנען פון די פסוק "לא תתחתן בם". אבער אנדערע זאגן אז דאס גייט ארויף נאר כלפי די שבעת העמים וואס זענען געווען אין כנען.

דער של"ה שרייבט אז די סיבה פארוואס עס שטייט נישט אין די תורה אז מען טאר נישט חתונה האבן מיט א גוי'טע איז, וויבאלד די זאך איז אזוי מיאוס, אז מען דארף דאס אפילו נישט דערמאנען.

וצע"ג, מיר אידן לעבן דאך מיט די תורה, ביי די תורה, דורך די תורה. טא וויאזוי קען אינטערמערידזש זיין ענליך צו שם לשון מלבוש וואס איז אויך געלערנט געווארן דורך א הרגשה? (טייל פון דעם שמועס איז אן אינספיראציע פון שיחות הגרש"פ)

**מנהג, מסורה, והלכה**

באמת ווען מען שמועסט איבער די נושא פון "שם לשון מלבוש" פאלט מען אריין אין די ענדלאזע נושא פון מסורת אבות. א שמועס וואס איז רחבה מני ים. אסאך מענטשן וועלן טאקע זאגן אז וויבאלד די של"מ האט דורכגעוואנדערט אזויפיל גלגולים דארף מען זיך האלטן צו די משפחה מסורה. אבער דאס נעמט אריין גאר ריזיקאלישע מוח מיסעים און אבזערוואציעס אפצולייגנען די דינע פאדעם פון מסורה און הלכה, און פון א מנהג טוב צו א פאלק'ס לעגענדע.

אבער וויפיל מען זאל נאר וועלן אנעמען, איז אידישקייט פושט צורה ולובש צורה. עס איז ממש אין דור שאין דורו שונה מחברתה. די 'לא תהא מוחלפת' האט באקומען אסאך קרדומס וואס אקערן אין איר אין יעדן דור.

מיר זענען תורה געטרייע אידן וואס ווילן אויספאלגן אלעס וואס שטייט אין תורה שבכתב און תורה שבע"פ, אבער מיר ווילן נישט אויסטראגן שלעכטע גייסטן וואס זענען געווארן מנהגים, אדער שלעכטע נאטורן וואס זענען געווארן א טייל פון מסורה.

מיר פארמאגן תרי"ג מצות, אבער מיר פארמאגן נישט





תרי"ג מלבושים. מנהג ישראל קען זיין תורה, אבער מנהג איז אויך די אותיות גהנ"ם. עס זענען דא מנהגים וואס קענען טאקע מבטל זיין הלכות, אבער פאראן אויך מנהגים וואס ווערן נישט דערמאנט אין ערגעץ, און מענטשן ווייסן נישט אויב דאס איז א מדת חסידות אדער אן עיקר הדין.

דער חיד"א שרייבט אז א מענטש זאל נישט טון קיין שום מנהג ווילאנג ער ווייסט נישט קיין מקור: וזה כלל גדול שלא ינהג שום דבר עד שידע שורש המנהג מרז"ל או מכתבי האר"י זל"ל האמיתיים, או שידע טעם כעיקר למנהג.

אלעס איז געווענדן אין די מחשבה. טון סיי וועלכע מנהג אן וויסן טעמו ונמוקו איז גארנישט ווערד. עס שטייט אין עבודת הקודש: קיום מנהג בחיצוניות המעשה, ללא הבנת התוכן והמשמעות, אינו מוסיף לאדם בעבודת הקב"ה.

מען זעט ווי שטארק דער רמב"ם האט אלץ פרובירט מחלק צו זיין פון א מנהג און א הלכה, ער נוצט אזעלכע לשונות ווי "אלו דברים שהאבל אסור בהם" אדער "הכל אחד עשר דבר", אדער "הכל חמשה דברים" דאס מיינט, אז וואס עס ליגט נישט אין די רשימות זענען בלויז מנהגים, און האבן גארנישט מיט הלכה.

עס וועט זיין אינטערסאנט צו ברענגן א קורצע מעשה ווי שטארק מען דארף אכט געבן איבער די אויטענטישקייט פון א מנהג.

געווען אמאל א איד וואס איז אריינגעקומען אין א גרויסע שטאט, און איז געגאנגען דארט אין ביהמ"ד דאווענען. בשעת חזרת הש"ץ באמערקט ער אז ביי מודים דרבנן דרייט זיך דער גאנצער עולם אויס צו א געוויסע ווינקל און אזוי זאגט מען מודים.

אזוי האט פאסירט טאג נאך טאג, און דער איד איז געווען אויסן געוואויר צו ווערן וואס איז פשט פון דעם מנהג העיר אז דער גאנצער עולם דרייט זיך אויס צו א געוויסע וואנט און אזוי זאגט מען מודים דרבנן.

נאך א דרישה וחקירה איז ער געוואויר געווארן אז יארן צוריק פלעגט צו זיין אויף איין וואנט א גרויסע טאוול מיט די מודים דרבנן, און במשך הימים האט זיך דאס טראנספארמירט פון א סיבה צו א מנהג.

**לבוש איז בין אדם לקונו**

די נוסח וואס גייט ביי אונז חרדים איז, אז קליידער פארציילן וואס עס ליגט אונטער איר. מענטשן באפאסן זיך צו מענטשן לויט זייערע קליידער. אין דער אלגעמיינער באדייט פון א קלייד מיינט דאס קלאסיש אדער פויעריש. אבער ביי אונז מיינט דאס פרום אדער בעלבאטיש, ערליך אדער נישט ערליך, צוקוועטשט אדער אויפגעקלערט.

עס איז הימל און ערד וויאזוי מען האט ארויסגעצויגן די באדייט פון אונטער די ווארט מלבוש אז פון מלבוש איז ארויסגעוואקסן א דור של עמי הארצים וואס שווימען ארום אין גרויסע חאלאטן וואו די לבושים אנטשיידן צווישן 'הרב' אדער 'אבן יקר'.

פון א גדר איז געווארן א בנין, און פון א בנין איז געווארן א גדר. די גאנצע גאותו של יהודי איז געווארן א פעלץ, און די פנימיות היהדות האט זיך גע'שמד'ט צו שטותים והבלים פון ווייסע זאקן און שטריימלעך.

אידן פלעגן גייט מיט שמאטעס און גלימות, און מען האט געשריבן רוב בלעטער פון תורה שבע"פ בורפיסיג.

די לבושים פון אונזערע זיידעס זענען געווען נייע שמאטעס קעגן אלטע שמאטעס. מען איז געליגן אין אידישקייט, מען איז געליגן אין 'עבודת ה' בשמחה ובטוב לבב'. קיינער האט נישט געמאסטן יענעמ'ס קלייד, און קיינער האט נישט אפגעשאצט יענעמ'ס ערך לויט וויפיל שמאטעס ער האט געהאט.

די וועלט האט זיך משפר געווען, און קליידער האבן באקומען א צורה שלימה. פון אמאליגע לבושי הגוי וואס טייל זענען געווען דעזיגנירט פאר ע"ז, האט זיך ערווארבן א וועלט פון שמעקעדיגע קליידער וואס האט נאך דעם בעל פעור קיינמאל נישט געזען. סאמעט'ע קראגנס און זיידענע רעקלעך האבן פלוצלינג באקומען א נייע טעסטעמענט. מענטשן ווערן דערהויבן און דעגראדירט לויט די קאליר פון זייערע שיך (ווייטער די גאנצע חומרא פון ערקתא דמסאנא, אז מען זאל אפילו נישט גיין די זעלבע צורה פון די שיך בענדל פון זיי, איז אך ורק העובדים עבודה זרה).

די נייע טעסטעמענט האט געמאכט די קליידונג פאר די גאנצע פנימיות של יהודי. א שטריימל וואס האט געדינט אלס א טאקען איז געווארן די סאמע הייליגסטע לבוש ביי חסידים.

קיינמאל אין היסטאריע האט נישט פאסירט אין כלל ישראל אז לבוש זאל מאכן פראקציעס צווישן אייגענע שכנים. מענטשן וואס דרייען אנדערש די פיאות, אדער פארמאגן אן אנדערע משבצת אויף זייערע היטל ווערן פארפרעמדעט פון די אייגענעם סביבה.

אין רעזולטאט פון מאכן דעם חיצוניות פאר די מבט הרוחני, איז די לבוש געווארן א נחלת החרדי, וואו יעדער שאינו יודע ספר און בור ריק באהאלט זיך אין אן איצטלא דרבנן, אונטער א גרויסן סאמעטע הוט, און רייטן אויף אנדערע וואס ווילן זיך נישט בוקן צו די עבודה זרה פון לבוש.

מיר פארמאגן טאקע א לבוש וואס איז אנדערש פונעם גוי, אבער מיר דארפן זיך נישט אנקליידן "בשחורים ויעשה כל מה שלבו חפץ".

ווי ערוועגט אויבן זענען די יסודות די פערזענדליכע הרגשה פון דעם עם היהודי, יעדער קען ביי זיך בוחר זיין וועלכע קליידונג עס העלפט אים דאס מערסטע צו צו עבודת השם.